# השגחה פרטית

א וועלט פון **אמונה**. א לעבן פון **ביטחון**

פרשת קרח (בא"י חוקת) תשפ"ו × **עלון 195**


וואונדערליכע
'השגחה פרטית'
מעשיות פון
היינטיגע צייטן -
דערציילט אויף
**דער**
**השגחה פרטית**
**האטליין**

## בהשגחה

### אין אדם שומע לי ומפסיד

די חברי המערכת פון "השגחה פרטית" זענען שטארק נתרגש געווארן צו הערן א מעשה וואס א איד האט איבערגעלאזט אויף די האטליין:

"מיר האבן ברוך השם חתונה געהאט מיט 20 יאר צוריק. אין יענע צייט איז די דירה פון מיין פעטער, געשטאנען ליידיג, און ער האט אונז געבעטן מיר זאלן דארט קומען וואוינען. אזוי האבן מיר דארט געוואוינט פאר 15 יאר, גאר רואיג און באקוועם.

מיט פינף יאר צוריק איז מיין פעטער נפטר געווארן און איבערלאזן קינדער, און דעמאלטס האט זיך אלעס געגעבען א דריי. די משפחה מיטגלידער האבן אנגעהויבן צו ווינקען, צוערשט איידלערהייט און דערנאך מער אפן, אז מיר דארפן פארלאזן די דירה.

איך וויל נישט אריינגיין אין די גאנצע הלכה'דיגע שאלה וואס מיר האבן דורכגערעדט מיט רבנים, ווייל דאס איז נישט די עיקר פונקט פון די מעשה זעלבסט.

איך מיט מיין ווייב האבן זיך אראפגעזעצט אינאיינעם איבערצוטראכטן וואס צו טאן. מיר האבן געהאט די ברירה אריינצוגיין אין דיני תורה און קריגערייען, אבער מיר האבן געוואוסט אז דאס קען גורם זיין גרויס עגמת נפש פאר די גאנצע משפחה בכלל, און פאר מיין טאטן בפרט.

מיר זענען ב"ה אנגעשלאסן אינעם וועלט-בארימטן כולל פון די "השגחה פרטית" האטליין, וואו מיר הערן כסדר אז א דירה קומט גראד פון הימל און פרנסה קומט נאר פונעם באשעפער אליין. די דאזיגע יסודות זענען אונז אזוי טיף אריין אין די ביינער, אז מיר האבן פשוט באשלאסן צו פארלאזן די דירה אן קיין שום טענות אדער קריגערייען.

איך וויל אייך דערציילן דעם סוף פון די מעשה:

היינט, פינף יאר שפעטער, פארמאגן מיר א ריזיגע דירה אין אשדוד, א דירה וואס איז פיר מאל אזוי גרויס ווי אונזער פריערדיגע הויז. מיר האבן קיינמאל נישט געחלומ'ט אז מיר וועלן זוכה זיין צו אזא באקוועמע און הערליכע היים.

איך זאג זיך היינט: אויב איך האב אמאל געהאט א קלער צו זיין ברוגז אויף מיין משפחה, בין איך זיי היינט דאנקבאר. זיי זענען געווען די ריכטיגע שליחים אונז ארויסצופירן פון יענע דירה – כדי מיר זאלן קענען אנקומען צו וואו מיר האלטן היינט.

**שבת שלום ומבורך, פינחס שאפער**

## השגחה עליונה

סיפורי אמונה וביטחון מצדיקי הדורות זי"ע

### א סכנה אין כיפל כארס

**א ווילדע אראבישע המון באלאגערט די קאר פונעם צדיק רבי גרשון ליבמאן זצ"ל אינעם דארף כפר חארס. שווערע שטיינער פליען אין אלע זייטן, אבער ער בלייבט רואיג, פרייליך און צופרידן מיט זיין ליבער בורא.**

די אלטע קאר האט זיך געשלענגלט אויף די שווערע בערג און טאלן, שאקלענדיג די פאסאזשירן פון איין זייט צום צווייטן. א הערליכע פאנאראמע האט זיך אנטפלעקט דורכאויס די נסיעה טיף אריין אין די גרינע טאלן פון שומרון.

ענדליך איז די קאר צוגעקומען צום ציל. " כיפל חארס" - איז געשטאנען אויפן שילד געשריבן אין אראבישע בוכשטאבן. ברוכים הבאים צום אלטן אראבישן דארף, וואו עס געפינט זיך דער קבר פון יהושע בן נון.

די הערצער פון די רייזענדע האבן אנגעהויבן קלאפן העפטיג. דער דרייווער ערזעצט ווייטער אין וועג מיט גרויס פארזיכטיגקייט דורך די שמאלע געסלעך. די קאר איז שנעל דורכגעפארן צווישן די אלטע הייזלעך און די נייע בילדינגס. א טויט שטילקייט האט געהערשט אין קאר. די פאסאזשירן האבן ארויסגעקוקט מיט גרויס פחד דורך די פענסטער. זיי האבן מתפלל געווען אז די ארטיגע ישמעאלים זאלן זיי נישט באמערקן, און קיין שום שלעכטס זאל זיי נישט פאסירן.

נאר איינער פון די מענטשן אין קאר איז געזעסן רואיג און געלאסן, פרייליך און צופרידן, פונקט ווי ער וואלט יעצט געפארן אין די גאסן פון מאה שערים...

קיין שום שפור פון שרעק אדער אומרואיגקייט האט זיך נישט אנגעזען אויפן פנים פונעם איד וואס איז געזעסן אינעם פאדערשטן זיץ. ער האט פארשפרייט א געוואלדיגע רואיגקייט מיט אמונה און בטחון אינעם באשעפער. זיין גאנצע וועזן האט געלויכטן מיט א פרייד און פריי פון דאגות, זארגן, און פחדים. ס'איז דא א באשעפער אויף דער וועלט! פאר וועמען זאל מען דען מורא האבן? פאר א בשר ודם, א נברא פונעם באשעפער, וואס מלא כל הארץ כבודו?!

דאס איז געווען דער געוואלדיגער צדיק רבי גרשון ליבמאן זצ"ל, איינער פון די עמודי התווך פון די 'נאווארדאק' אמונה אימפעריע, און דער וואס האט עס פריש אויפגעשטעלט נאכן צווייטן וועלט קריג. בעת דער צדיק האט באזוכט אין ארץ ישראל, האט ער אויסגעדריקט פאר זיינע באגלייטער זיין רצון צו גיין מתפלל זיין ביים קבר פון יהושע בן נון. זיי האבן זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג צום אראבישן דארף, וואס איז געווען א ספעציעל אום-פריינטליכע פלאץ.

דער קאר איז געפארן פאר עטליכע מינוט צווישן די געסלעך פונעם דארף, ווען פלוצלינג האט זיך געהערט א שרעקליכע געשריי אויף אראביש:

"יאהוד! אִמְסִכוּהוּם!" - אידן! כאפט זיי!

פון אלע זייטן האבן זיך באוויזן

<<<

## ״וואס דער ארכיטעקט זאגט״

**א איד פון אשקלון האט מיר דערציילט די פאלגענדע מעשה:**

איך פארמאג א גרויסע געשעפט פון בוי-מאטעריאלן, און ערנסטע ביזנעס וואס פארקויפט סחורה פאר גרויסע קליענטן.

איין טאג איז א קאנסטראקשן מענעדזשער פון תל אביב צוגעקומען צו מיר. ער האט מיר דערציילט אז ער בויט יעצט א ריזיגע זאל, און ער וויל איך זאל אים צושטעלן די דעקארעיטיוו סילינג פאנעלס (די פלאטעס פארן דאך) דערפאר.

״דאס איז נישט סתם א זאל, און נישט קיין פשוט׳ער דאך,״ האט דער מענעדזשער, וועלכער האט אנגעפירט מיט אן ארבעט וואס איז נישט געווען קיין געווענליכע זאך, גע׳זאגט ״איך האב דא א פלאן וואס איז אויסגעארבעט געווארן דורך דעם בעסטן ארכיטעקט אין לאנד, מיט גאר פונקטליכע אינסטרוקציעס. קענט איר צושטעלן די פאנעלס פונקטליך אזוי ווי ער פארלאנגט?״

״זיכער, מיט דעם אייבערשטנ׳ס הילף,״ האב איך געענטפערט. ער האט מיר אראפגעלייגט בפרטי פרטיות וואס ער דארף, אינאיינעם מיט דיסקריפשאנס און בילדער. איך האב גלייך אנגעהויבן נאכצופארשן וואו מ׳קען באקומען דעם ספעציפישן פראדוקט, וואס איז געווען גאנץ זעלטן. נאך אסאך זוכן און זיך נאכפרעגן, האב איך באשטעלט די פאנעלס פון א ספעציעלע פאבריק אין שוועדן. דאס איז געווען א דיעל אין ווערד פון מיליאנען שקלים!

די פאנעלס זענען אנגעקומען מיט א שיף. איך האב געלאזט וויסן פארן קאנסטראקשן מענעדזשער אז די סחורה איז שוין דא און אים געוויזן א סעמפל. ״דאס?!״ האט ער אויסגעשריגן קרומענדיג מיטן נאז, ״דאס איז דאך בכלל נישט ׳דאס׳!״

״וואס מיינט איר ׳ס׳איז נישט ׳דאס׳?״ האב איך געפרעגט אינגאנצן צעמישט.

״מיר האבן דאך קלאר אפגערעדט איבער פאנעלס וואס די עקן בייגן זיך ארויף, און די דאזיגע פאנעלס בייגן זיך צו די זייט. איך נעם דאס בשום אופן נישט אן.״

איך האב געפילט ווי די גאנצע דאך פאלט מיר אראפ אויפן קאפ. וואס טו איך יעצט?! די פאבריק אין שוועדן האט זיך אנטזאגט צוריקצונעמען די סחורה, און איך בין געבליבן שטעקן מיט גאר טייערע סחורה וואס קיינער דארף נישט, נאכן אינוועסטירן דארט מיליאנען! ס׳האט זיך מיר פשוט נישט געקענט גלייבן אז דאס פאסירט צו מיר!!!

איך האב אנגעהויבן מאכן א חשבון הנפש. איך האב אין הארצן זיך גע׳זאגט: ס׳איז דא א באשעפער אויף די וועלט. ער האט צוגעפירט אז די דאזיגע דיעל זאל ארייגפאלן אין מיינע הענט, און ער איז דער וואס פירט אויף דעם דאזיגן נסיון. ער וויל עפעס פון מיר. אבער וואס?

איך האב אריינגעטראכט טיפער און באשלאסן אז איך דארף איבערקוקן ווי איך שטיי מיטן ענין פון צדקה. איך האב גערופן מיין זון: ״קום אהער, העלף מיר אויסרעכענען מיינע נתינות פאר צדקה.״ מיר זענען געזעסן אינאיינעם און איבערגעגאנגען די הכנסות קעגן די הוצאות פאר צדקה וחסד. די מסקנא איז געווען אז ס׳איז זיכער דא פלאץ צו פארגרעסערן די נתינות... איך האב געמאכט ערנסטע טוישונגען, אנגעהויבן טיילן פיל מער, און מתפלל געווען צום אייבערשטן ער זאל מיר העלפן.

בלויז צוויי טעג נאכדעם וואס איך האב געטויש מיינע צדקה געוואוינהייטן צום גוטן, איז אנגעקומען אין מיין געשעפט אן אנגעזעענער מענטש וואס האט אויסגעזען ווי א גרויסער מכובד׳יגער עושר. ער האט אנגעהויבן באטראכטן די סחורה אין די שאוי-רום, און מיט א גרויסן זעלבסט-חשיבות זאגט ער מיר: ״איך בין דער באקאנטער ארכיטעקט וואס האט אויסגעפלאנט דעם ריזיגן זאל וואס מען בויט יעצט אין תל אביב!״

״דו?!״ האב איך אים איבערגעפרעגט מיט וואונדער, ״באמת?! אויב אזוי ארבעטן מיר דאך אינאיינעם!״

איך האב אים געגעבן א ווארעמען ״שלום עליכם״ און גע׳זאגט: ״איך בין דאך דער וואס דארף צושטעלן די ספעציעלע פאנעלן פארן דאך וואס דו האסט אויסגעפלאנט. איך האב געברענגט די טייערסטע און בעסטע סחורה וואס מען קען נאר באקומען, עפעס א ספעציעלע זאך פון שוועדן, אבער דער ״קאנסטראקשן מענעדזשער״ טענה׳ט אז עס פאסט נישט פאר אים. ער זאגט אז די עקן זענען נישט פונקטליך אזוי ווי דו האסט עס געוואלט. ביסט אפשר גרייט א קוק צו טאן דערויף? דא רעדט מען דאך

## <<< המשך השגחה עליונה

קאמף-גרייטע אראבישע יוגנטליכע, באוואפנט מיט שטעקנס און גרויסע שטיינער, און זיי האבן אנגעהויבן נאכלויפן דעם קאר. דער דרייווער האט פרובירט צו דרוקן דעם גאז און אנטלויפן פון דארט וואס שנעלער, אבער אן ערפאלג. די אראבישע יונגען האבן שנעל נאכגעיאגט דעם קאר און אנגעהויבן ארומרינגלען די פאסאזשירן פון אלע זייטן.

די פנימ׳ער פון אלע פאסאזשירן זענען געווארן בלאס פאר שרעק, חוץ דעם שטראלענדיגן און רואיגן פנים פון רבי גרשון, וועלכער איז געבליבן מיט זיין געלאסנקייט פונקט ווי גארנישט וואלט פאסירט. אפילו ווען איינער פון די אראבישע יונגען האט מיט כח אויפגעריסן די פאדערשטע טיר פון די קאר און אראפגעכאפט דעם ראש ישיבה׳ס הוט, האט ער זיך בכלל נישט דערשראקן אדער געציטערט, נאר איז געבליבן פעלזן-פעסט מיט זיין בטחון אינעם באשעפער, דער שומר ישראל וואס דרימלט נישט און שלאפט נישט.

נאך עטליכע לאנגע און אנגעצויגענע מינוטן פון א שרעקעדיגע רייזע, איז די קאר אנגעקומען נאנט צום מקום קדוש, און רבי גרשון אינאיינעם מיט זיינע באגלייטער האבן ווייטער ממשיך געווען צופיס אינעם ריכטונג פון דעם קבר.

אינמיטן גיין האבן פלוצלינג אנגעהויבן פליען גרויסע שטיינער אויף זיי פון דער ווייטנס, איינס נאכן צווייטן.

״רבי!״ האבן די באגלייטער פון רבי גרשון אויסגעשריגן מיט פחד, ״היט זיך פון די שטיינער, זיי זאלן אייך נישט אנטרעפן חס ושלום!״

האט זיי רבי גרשון געענטפערט מיט א שמייכל, זיין אייביגער שמייכל וואס האט אפגעלאכט פון אלע הבלים פון די עולם הזה, דער זעלבער שמייכל וואס האט קיינמאל נישט פארלאזט זיין פנים אפילו ווען ער איז געשטאנען קעגן די רשעים די נאציס ימח שמם אין די געטא אדער אין די לאגערן:

״דער אייבערשטער וועט העלפן! דער באשעפער וועט אונז היטן! אויב עס איז א גזירה מן השמים אז שטיינער זאלן פאלן אויף אונז, וועלן זיי פאלן. אבער אויב נישט, וועט אונז גארנישט פאסירן, אפילו נישט קיין האר!״

און טאקע, בדרך נס, זענען רבי גרשון מיט זיינע באגלייטער צוריקגעקומען קיין ירושלים געזונט און שטארק אן קיין שום שאדן.

פון סחורה אין ווערד פון מיליאנען!"

דער ארכיטעקט האט גלייך געוויזן אינטערעסע. איך האב אים געוויזן די פאנעלן, און ער רופט זיך אן: "פארגעס דערפון, עס איז אינגאנצן נישט קיין פראבלעם מיט די עקן. עס מאכט נישט קיין שום נפקא מינה אויב עס איז געבויגן אהין אדער אהער, ס'איז אלעס דאס זעלבע. איך באשטעטיג די פאנעלן!"

כדי צו זיין אינגאנצן פארזיכערט, האט ער מיר איבערגעלאזט א גע'חתמ'טען צעטל אז ער באשטעטיגט צו ניצן די פאנעלן!

די מיליאנען שקלים זענען געראטעוועט געווארן!

און דאס איז עס געווען; זייט דעמאלט שפיל איך מער נישט קיין "מאנקי-ביזנעס". איך געב צדקה פונקט ווי עס דארף צו זיין. איך האב זיך גוט דערלערנט מיין לעקציע... רבונו של עולם, איך דאנק דיר פארן מיר דערמאנען!

## די מיסיל האט אריינגעזעצט אין דער ערד

**הרב אריאל וועקנין פון קרית שמונה דערציילט:**

ביי אונז אין די צפון שטאט, נאנט צום לבנון גרעניץ, געפינען זיך דריי און פופציג בתי מדרשים. קרית שמונה איז שוין היינט נישט קיין אומבאקאנט פינטעלע אויף די מאפע; עס איז א לעבעדיגע שטאט אין ארץ ישראל, וואס שפרודלט מיט א לעבן פון תורה און תפילה. די אידן דא זענען שטארק צוגעבינדן צו די בתי מדרשים, און זיי זענען פיל מיט מתפללים, בפרט אין דעם הייליגן שבת.

דער ערשטער שבת נאך פסח איז געווען גאר א שטורמישער צייט. קרית שמונה איז געווארן באמבארדירט אן אויפהער. איך האב נישט קיין אנונג וויפיל מיסילס און שעלס זענען געפאלן יענעם שבת, אבער איך בין זיכער אז יעדער איינוואוינער האט זיין אייגענעם פערזענליכן סיפור פון השגחה פרטית וואס ער האט בייגעוואוינט יענעם שבת. ס'איז פשוט נישטא קיין אנדערע הסבר וויאזוי א גאנצע שטאט קען זיין אונטער אזא אטאקע, און דאך זאלן די מענטשן בלייבן אומגעשעדיגט.

מיין מעשה הייבט זיך אן פרייטאג אינדערפרי, ווען איך האב איבערגעלאזט מיין טלית אין בית המדרש. היות איך האב עס געדארפט האבן אינדערהיים שבת אינדערפרי, האב איך עס געמוזט גיין אפנעמען נאך מעריב ליל שבת. צוליב חששות פונעם עירוב, האב איך נישט געוואלט טראגן דעם טלית אין די האנט, נאר איך האב עס אנגעטון אויף מיר.

אזוי ווי עס איז נישט די שטייגער ביי אינז אין געגנט צו גיין פרייטאג צו נאכטס אין גאס מיט א טלית, האב איך זיך געפילט גאנץ אומבאקוועם דאס צו טון פארנט פון מענטשן. דעריבער, גלייך ווען מען האט געענדיגט דאווענען מעריב, האב איך זיך אהיימגעיאגט מיט'ן טלית אנגעטון. איך האב געפילט אז איך פארפעל עפעס, וויבאלד מיין סדר איז שטענדיג צו פארבלייבן נאכ'ן דאווענען און אהיימשפאצירן אינאיינעם מיט חברים. געווענליך נאכ'ן דאווענען פארזאמלען זיך א גרופע מתפללים ארום דעם רב, און מיר גייען אלע אינאיינעם, מען שמועסט אויס די פאסירונגען פונעם טאג און די פרשת השבוע. ווייטער אויפ'ן וועג פלעגן מיר זיך געווענליך אפשטעלן ביי א גארטן נעבן מיין הויז, וואו מיר האבן ווייטער געשמועסט פאר יעדער איז זיך צוגאנגען צו זיך אהיים. עס האט מיר זייער געבאדערט דאס צו פארפעלן, אבער פונדעסטוועגן האב איך בעסער געוואלט לויפן שנעל אהיים כדי אויסצומיידן די אומבאקוועמקייט.

אבער אין די סעקונדע וואס איך בין אנגעקומען אהיים, האבן זיך

<<<



הרה"צ ר' יהודה מאנדל שליט"א

## א "קאסטום-מעיד" תפקיד

יעדער מענטש קומט אראפ אויף דער וועלט אויסצופירן א תפקיד וואס איז אנדערש ווי זיין חבר'ס. עס איז דא איינער וואס זיין תפקיד איז צו ארבעטן אויף די מדה פון בטחון, צו האבן בטחון אז ער וועט באקומען דאס וואס איז גוט פאר אים און צו זען זיין ישועה. א צווייטנס תפקיד איז צו לעבן קעגן זיין טבע - נישט צו באקומען דאס וואס ער וויל, צו גלייבן אז דאס איז דער רצון הבורא, און מקבל זיין די גזירה מיט ליבשאפט. דער בעל "חובת הלבבות" דערמאנט דאס אין זיין הקדמה צום שער הבטחון, ביים לעצטן תועלת.

עס קען זיין אז א מענטש האט שוין זוכה געווען בייצושטיין דעם נסיון פון בטחון אין א פריערדיגן גלגול, און יעצט גייט ער ארויף א מדרגה: דער אויבערשטער האלט צוריק פון אים דאס וואס ער דארף אדער וויל, כדי ער זאל האבן א נייע נסיון - צו משלים זיין מיט'ן רצון פונעם אייבערשטן, און מקבל זיין די אומשטענדן פונקט ווי זיי זענען.

אמאל, כדי איבערצוקומען א שוועריגקייט אדער א נסיון, פעלט זיך אויס אז א מענטש זאל אויסארבעטן זיינע מדות. מען דארף זיך צוגעוואוינען זיך צו מכניע זיין, און זיך מבטל זיין צום רצון הבורא; נאר אזוי קען א מענטש באמת מקבל זיין דעם אויבערשטנס גזירה מיט א רואיגקייט און זיך האלטן שטארק מיט די מדה פון בטחון.

א תלמיד חכם איז געקומען צו מיר זייער צעמישט און צעבראכן. שוין עטליכע חדשים וואס ער ארבעט אויף בטחון אז ער גייט טרעפן א תורה'דיגע פאסטן ביז ראש חודש סיון. ער האט באמת געגלייבט מיט א שטארקייט אז דער באשעפער קען אים געבן דעם דזשאב וואס ער זוכט. למעשה האבן זיך די זאכן נישט אויסגעשטעלט לויט זיין פלאן; כאטש ער האט באקומען פארשידענע אנדערע אנבאטן, איז אבער יענע ספעציפישע שטעלע וואס ער האט אזוי געוואלט נאכנישט געקומען לידי מעשה. דאס האט אים געלאזט זייער צעמישט און צערודערט; ער האט דאך אזוי שטארק פראבירט אריינצובאקן אין זיך די אמונה אז דער הייליגער באשעפער קען דאס מאכן געשען, און פונדעסטוועגן איז עס נישט געשען.

האב איך אים געענטפערט אז דאס אליינס אז מ'איז מקבל דעם מצב מיט ליבשאפט קען ברענגען די ישועה, אזוי ווי עס שטייט אין תהלים ל"ז אז די ענוים ירש'ענען די וועלט. מיט דעם אלעם האב איך אים געזאגט אז ער זאל קיינמאל נישט אויפהערן צו ארבעטן אויף זיין בטחון, אפילו אויב די ישועה קומט נישט גלייך, נאר ער זאל עס טון רואיגערהייט און אן קיין דרוק.

אויסער דעם האב איך אים פארגעשלאגן אז ער זאל גוט אריינטראכטן פארוואס פונקט די דאזיגע פאזיציע און שטעלע איז אים אזוי וויכטיג, און וואס פונקטליך דרוקט אים אזוי שטארק אז ער האט נישט באקומען דעם דזשאב וואס ער האט געוואלט. אמאל קען "כבוד" זיין דער הויפט כח וואס טרייבט דעם מענטש, און דאס מאכט אים לויפן נאך א זאך אן אריינטראכטן צי די שטעלע איז באמת פאסיג פאר אים. אין אזא פאל איז כדאי זיך גוט אריינצונעמען אין די ביינער אז "הכל הבל" - אלעס איז נארישקייטן, און מען דארף זיך דערמאנען אין די הייליגע ווערטער פון חז"ל וואס העלפן גרינגער מאכן און בארואיגן די אנטוישונגען.

מער פון דעם האב איך אים ערוועגט, אז אפשר איז גאר זיין גאנצע תפקיד אין לעבן עפעס אינגאנצן אנדערש: ער זאל גלייבן און האבן בטחון אינעם באשעפער אפילו נאכדעם וואס ער האט נישט באקומען וואס ער האט געוואלט, און ער זאל מקבל זיין דעם גאנצן מצב מיט אן אמת'ע ליבשאפט!

געהערט צוויי מעכטיגע "בומ'ס". צוויי שרעקליכע קולות, איינס נאכ'ן צווייטן.

מיר זענען שוין ליידער געוואוינט דערצו און מיר ווערן שוין נישט דערשראקן פון יעדע באמבע וואס פאלט, אבער דאס מאל איז עס געווען עפעס אויסערגעווענליך שטארק. דאס גאנצע הויז האט זיך געשאקלט, אבער מיט חסדי השם זענען מיר נישט געשעדיגט געווארן. ביי די שבת'דיגע סעודה האבן מיר אפגעגעבן א שבח והודיה פאר'ן באשעפער און מיר האבן געזונגען מיטן גאנצן געשמאק: "כי אשמרה שבת קל ישמרני"...

אינדערפרי, ווען איך בין געגאנגען אין בית המדרש דאווענען שחרית, האב איך באמערקט צוויי פאליציי אפיצירן און א באמבע-עקספערט שטיין אינעם גארטן נעבן מיין הויז. איך האב זיך געוואונדערט וואס זיי טוען דארט, האבן זיי מיר מסביר געווען אז א גאנצע מיסיל, ממש בשלימות, איז דארט אראפגעפאלן נעכטן נאכט, און די מסוכנ'דיגע שפיץ האט זיך איינגעגראבן טיף אין די ערד. די שטארקע אויפרייסן וואס איך האב געהערט נעכטן זענען געקומען פונעם זעץ פון דעם מיסיל. די באמבע האט עקספלאדירט אונטער דער ערד, און דער כח פונעם אויפרייס האט געווארפן בלאטע אויף אלע זייטן, באשפריצנדיג די הייזער ארום. חוץ פון דעם איז נישט געווען קיין שום שאדן!

און דאס אלעס האט פאסירט בלויז געציילטע מאמענטן נאכדעם וואס איך בין דורכגעגאנגען דעם פלאץ און אריין אין שטוב, און א לאנגע צייט בעפאר דער רב מיט זיין פמליא זענען אנגעקומען! דער גארטן, וואס איז געווענליך פיל מיט קינדער אלע שעות פון טאג, איז געווען ליידיג פונקט אין יענע סעקונדע. דער אויבערשטער האט אונז אפגעהיטן!!!

און אצינד, נאך א מעשה וואס האט פאסירט יענעם זעלבן שבת אין קרית שמונה:

אין איינע פון די בתי מדרשים זענען די מתפללים געוואוינט אהיימצוגיין דורך א געפלאסטערטע שארטקאט וואס לויפט צווישן די הייזער. איין טאג האט א שכן באשלאסן צו אינסטאלירן א שטארקע "פלאד-לייט" לאמפ צו באלייכטן דעם וועג ווען מען גייט דארט אדורך. עס איז געווען א לאמפ מיט א ספעציעלע סענסאר וואס צינדט זיך אן ווען איינער גייט אריבער אויפ'ן וועג.

אויף אינמיטן די וואך איז דער איינפאל געווען א גוטע און נוצליכע זאך, אבער אום שבת קודש וואלט דאס גיין אויפ'ן וועג צוגעברענגט צו חילול שבת. אין ביהמ"ד האט מען זיך דורכגערעדט איבער דעם ענין, און צום סוף האט מען געבעטן דעם שכן וואס האט אינסטאלירט דעם "פלאד-לייט" אז ער זאל אויסלעשן דעם סענסאר. ער האט טאקע מסכים געווען און געזאגט אז ער וועט עס טון, אבער יענעם שבת האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער סענסאר ארבעט נאך אלץ, און מען וועט עס קענען דעאקטיוויזירן ערשט פאר'ן קומענדיגן שבת.

די מתפללים, אינאיינעם מיט'ן רב, האבן באשלאסן בכלל נישט צו ניצן דעם וועג. זיי האבן געמאכט אן ערנסטן אומוועג, וואס האט פיל פארלענגערט זייער וועג אהיים. פונקט אין יענע סעקונדעס, ווען זיי זענען געגאנגען די עקסטערע טריט לכבוד שבת קודש, האט א מיסיל געקראכט פונקט אויף יענעם וועג!

דער שבת האט זיי באשיצט!

דער מיסיל האט געטראפן דאס הויז פון דעם בעל הבית פונעם פלאד-לייט; עס איז אריינגעפליגן דורכ'ן העכסטן שטאק, און עס האט געלאנדעט פונקט אויפ'ן וועג וואס מען האט נארמאל פריער געפלאסטערט.

דאס הויז, א ווילא וואס איז געווען צעטיילט אין עטליכע דירות, האט אינגאנצן אפגעברענט.

"דו ווייסט," האט מיר דער בעל הבית פונעם הויז דערציילט ווען איך האב אים באגעגנט, און אים אויסגעדריקט מיין מיטגעפיל אויף זיין גרויסן פארלוסט, "מען האט אויסגעפונען אז ביים אריינגאנג פונעם הויז איז די מזוזה-האלטער געווען אינגאנצן ליידיג! עס איז נישט געווען קיין מזוזה ביים עפענונג! עס איז נישט געווען קיין שום שמירה פאר'ן הויז!"

דאס איז וואס ער האט מיר דערציילט, וואס דאס האט נאך מער מחזק געווען מיין אמונה אז אלעס ווערט געפירט פונקטליך פון אויבן מיט א געוואלדיגע השגחה פרטית.

## ארץ זבת חלב

**רבי מיכאל הערצאג פון ירושלים דערציילט:**

פאריאר איז פארעפנטליכט געווארן א מעשה פון א איד וואס האט זיך שטארק מחזק געווען אין אמונה ובטחון און האט ביי זיך אפגעמאכט אז ער נעמט מער נישט קיין הלוואות. ער איז געווארן זייער שטארק אין דעם ענין, און אפילו ווען ער איז אמאל דורכגעפאלן, האט אים דער באשעפער געהאלפן, און אלע הוצאות פאר די סעודת פורים זענען באצאלט געווארן בדרך נס. די אויספיר איז געווען אז אפילו אויב די אמונה איז נאכנישט בשלימות, און אפילו אויב מען האלט נאכנישט אויף די העכסטע מדריגה, זעט דער באשעפער דאס וואס מען שטרענגט זיך אן, און ער האט הנאה דערפון.

די מעשה איז אנגעקומען צו אונז דורך די ענגלישע אויסגאבע. איין שבת האט מיין פרוי געלייענט די מעשה און זי איז זייער נתעורר געווארן דערפון. יענע וואך מוצאי שבת, באמערקט זי פלוצלינג אז די מילך אין פרידזשידער איז אויסגעגאנגען. דאס איז נישט געווען קיין געווענליכע מילך, נאר א ספעציעלע סארט פארווע מילך וואס מען קען נישט בארגן ביי קיין שום שכן.

צוויי פון מיינע קינדער, אריינגערעכנט די בעיבי, זענען אלערגיש צו געווענליכע מילך, און אן דעם ספעציעלן פארווע מילך האבן זיי פשוט נישט וואס צו טרינקען. די עלטערע קינדער קען מען נאך בארואיגן מיט עפעס אנדערש, און זיי אויסלערנען סבלנות און מסביר זיין אז מען וועט קויפן מילך שפעטער איבערן טאג, אבער די סארט מהלך ארבעט נישט ביי די בעיבי... זי איז צוגעוואוינט זיך צו אויפוועקן זיבן אזייגער אינדערפרי און וויינען ביז זי באקומט איר מילך. זי בארואיגט זיך נישט מיט קיין וואסער אדער דזשוס; זי וויל דוקא מילך, און אויב זי באקומט עס נישט, הערט זי נישט אויף צו וויינען אן אויפהער. מיר זענען שוין אמאל אדורך אזא מעשה, און זינט דעמאלטס מאכן מיר יעדע השתדלות אז עס זאל נישט פאסירן נאכאמאל.

און אצינד איז נישטא קיין מילך. עס איז מוצאי שבת, אלע געשעפטן זענען שוין פארמאכט. ביי די שכנים איז אויך נישטא צו באקומען דעם ספעציעלן סארט מילך, און מארגן זיבן אזייגער אינדערפרי גייט דאס קינד שוין זיין אויף. וואס וועט מען איר געבן?

זי האט באשלאסן אז זי וועט איר געבן די ספעציעלע מילך. וויאזוי? זי האט נישט געהאט קיין שום אַנונג, אבער זי איז געווען אינגאנצן פארזיכערט אז זי וועט עס האבן, ווייל זי האט געהאט א

שטארקע בטחון אינעם באשעפער אז ער וועט איר העלפן. מיין ווייב האט געקלערט צו זיך: "עס איז טאקע אמת אז מיין אמונה איז נישט בשלימות, אבער דער הייליגער באשעפער זעט אפילו אזא אמונה וואס איז נישט בשלימות. איך אליין קען גארנישט טון צו באקומען מילך, אבער דער באשעפער איז דאך א כל-יכול, און ער קען געבן מילך פאר די בעיבי."

זי האט געהאט אזא שטארקע בטחון אינעם אויבערשטן, און דאס האט איר געגעבן אזא מנוחת הנפש, אז זי האט מיר אפילו נישט געזאגט אז די מילך אין פרידזשידער איז אויסגעגאנגען.

צומארגנס אינדערפרי, האב איך זיך אויפגעוועקט גאר פרי. עס איז געווען א שרעקליכע קעלט אינדרויסן, און כאטש עס איז געווען פיל געשמאקער צו בלייבן ליגן אונטער דיווארעמע דעקע, האב איך אויפגעשטאנען מיט א ספעציעלע פרישקייט און געגאנגען דאווענען ביים פריען מנין, וואס דאס איז ביי מיר נישט קיין געווענליכע זאך. אויפן וועג צוריק פון דאווענען, בין איך אריין אין גראסערי און געקויפט ברויט, געווענליכע מילך, קעז, און אויך די פארווע מילך וואס מיינע אלערגישע קינדער טרינקען. פארוואס? סתם אזוי; מיר קויפן עס נאר פון צייט צו צייט. און איך האב אפילו נישט געוואוסט אז עס איז שוין נישטא קיין מילך אין פרידזשידער.

איך בין אנגעקומען אהיים, אלעס אוועקגעלייגט אויפ'ן פלאץ, און ווען דאס קינד האט זיך אויפגעוועקט וויינענדיג, איז מיין פרוי צוגעגאנגען צום פרידזשידער און דארט - נישט צו איר איבערראשונג - געטראפן מילך! "איך האב געוואוסט אז דער אויבערשטער וועט אונז העלפן," האט זי מיר געזאגט. "סוף כל סוף, נעכטן נאכט האב איך נישט געהאט קיין שום וועג וויאזוי צו האבן מילך."

וואס האט אונז נאך מער איבערגענומען איז געווען די אויפפירונג פונעם קינד. זי כאפט זיך אייביג אויף פונקטליך זיבן אזייגער, און לויט ווי איך געדענק איז שוין נישט געווען קיין שום טויש דערין פאר די לעצטע פאר חדשים. דאך, יענעם אינדערפרי, איז זי געשלאפן לענגער - פונקט ביז די מינוט וואס איך בין אהיימגעקומען מיט'ן מילך!

דער אויבערשטער העלפט די וואס פארלאזן זיך אויף אים. און אפשר טאקע, וויבאלד מיין פרוי האט זיך נישט ארומגעדרייט מיט מחשבות צי זי איז יא ראוי אדער נישט, אדער צי איר בטחון איז גענוג שטארק אדער אפשר שוואך - איז עס געווען א חשובע'רער בטחון.

האט איר זוכה געווען צו זען א מעשה פון השגחה פרטית?

**רופט אריין צו קו השגחה פרטית: 1-518-613-0140 דריקט 3 און דערנאך 0**

**אדער שיקט אן אימעיל צו די מערכת hashgachaprutis@gmail.com**

## בסוד ישרים ועדה

### בריוון צו די מערכת

**שלום וברכה פאר די חשוב'ע רעדאקציע פונעם גליון "השגחה פרטית"**

קודם כל, וויל איך אייך באדאנקען פון טיפן הארצן פאר דעם וואונדערבארן גליון. איך וואלט געוואלט צוגעבן מיין חלק און מיטטיילן מיט'ן ציבור א הערליכע נקודה וואס איך האב ארויסגענומען ווען איך האב זיך געמוטשעט מיט א געוויסע זאך. ווי פאלגנד:

איך האב די גרויסע זכיה זיך צו דרייען בקודש פנימה ביי איינעם פון די צדיקי הדור, און מיט דארשט טרינקען פון זיין הייליגן קוואל. איך האב אויך זוכה געווען צו פארשפרייטן זיינע תורות פאר אנדערע אידן. דאך, איז יעדעס מאל אריינגיין און ארויסגיין פונעם צימער געווען פארבונדן מיט גרויסע שוועריגקייטן. וויבאלד איך האב נישט געהאט קיין אייגענעם שליסל, האב איך זיך אפט געטראפן אדער שטעקן אינעווייניג, אדערווארטן אינדרויסן פאר לאנגע שעות. דאס ווארטן איז מיר געווען זייער שווער, און איך האב געשפירט אז עס וואלט געווען פאסיג אז איך זאל האבן אן אייגענעם שליסל.

האב איך באשלאסן אריינצוגיין צום צדיק אליין און פרעגן, און ער האט גלייך מסכים געווען מיט מיר: "גיי צו ר' אליהו (א פיקטיווע נאמען), און ער וועט עס מסדר זיין פאר דיר." איך בין געווען זייער צופרידן.

און אט, נאך געציילטע מינוט, קומט ר' אליהו אן אויפן פלאץ. ער איז פונקט געקומען פון זיין שטוב עפעס נאכצוקוקן און האט שוין געהאלטן ביים גיין. איך האב זיך נישט געוואגט אים צו בעטן דעם שליסל, אבער בדרך פלא, אין א זעלטענע זאך וואס האט נאך קיינמאל נישט פאסירט, איז ער אליין צוגעקומען צו מיר און געפרעגט וואס איך מאך. נאך פאר איך האב אים בכלל געקענט ענטפערן, האט ער מיך איבערראשט: "האסטו עפעס געוואלט בעטן?" האט ער געפרעגט.

איך האב דאס אנגעקוקט אלס א קלארער יד השם; אלע טריט זענען צוגעגרייט געווארן פון הימל. איך האב אים איבערגעגעבן די בקשה וועגן דעם שליסל, און ער האט געענטפערט: "אז דער רבי האט אזוי געזאגט, וועלן מיר עס זיכער מסדר זיין פאר דיר."

אבער טראץ דעם וואס אלעס איז געגאנגען אזוי געשמירט ביז אהער, האב איך זיך אנגעשטויסן אין א שווערע מניעה. די אנדערע פאראנטווארטליכע האבן זיך אבסאלוט אנטזאגט, און טראץ די געוואלדיגע השגחה פרטית וואס איך האב געזען אין אנפאנג, זענען שוין אדורך עטליכע חדשים און איך האב נאך אלץ נישט קיין שליסל...

איך האב זיך מתבונן געווען אינעם ענין און איך בין געקומען צום אויספיר אז דאס אליין איז דער תכלית. דער ציל איז נישט געווען דער שליסל, נאר צו מחזק זיין די אמונה אינעם הארץ, און מקבל זיין זיין רצון, מיט א פולקאמע אהבה, אפילו ווען מען דארף בייגן דעם קאפ, פארמאכן די אויגן, און פשוט זאגן: דו ביסט דער באשעפער!

**בברכה, ישראל כהן, ירושלים**

**האט איר הערות והארות? שיקט אן אימעיל צו דער מערכת.**

## גֶעטְרָאפְן אֵיידֶעְרן פַארְלִירְן

**שְׁמִילִי וַויינְבֶּערְג פוּן יְרוּשָׁלַיִם דֶערְצֵיילְט:**

מַיין מַאמֶע הָאט מִיר גֶעלֶערְנְט אַז וֶוען מֶען עֶנְדִיגְט עֶסְן, סַיי וואוּ אוּן וֶוען, הֶעלְפְט מֶען אַרָאפְּרוּימֶען פוּן טִישׁ.

דֶערִיבֶּער, וֶוען מִיר הָאבְּן צוּגֶעעֶנְדִיגְט אַ סְעוּדָה בַּיי מַיין בַּאבֶּע, הָאבּ אִיךְ שְׁנֶעל צוּגֶעלֵייגְט אַ הַאנְט אוּן צוּגֶעהָאלְפְן מִיטְן צַאמְנֶעמֶען דִי פְּלֶעסְטִיק טִישְׁטוּךְ מִיט דִי שְׁמוּצִיגֶע אֵיינְמָאלִיגֶע גֶעשִׁיר. אַזוֹי צַאמְנֶעמֶענְדִיג אִיז עֶפֶּעס אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוֹיפְן עֶרְד. עֶס הָאט אָנְגֶעצוּנְדְן מַיין נַייגֶער. וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן? אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַרָאפְּגֶעבּוֹיגְן אוּן גֶעטְרָאפְן אַן אַרְטִיקְל וָואס אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז עֶפֶּעס זֵייעֶר חָשׁוּב פַאר מַיין טַאטְן.

אִיךְ הָאבּ עֶס אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אוּן צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ מַיין טַאטְן. "וָואוּ" הָאט עֶר רֶעאַגִירְט. "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט בַּאמֶערְקְט אַז עֶס הָאט זִיךְ מִיר פַארְלוֹירְן!"

אִיךְ בִּין צוּגֶעגַאנְגֶען צוּעֶנְדִיגְן מַיין אַרְבֶּעט אוּן גְלַייכְצֵייטִיג שְׁטִיל גֶעדַאנְקְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַז פוּנְקְט הָאבּ אִיךְ צַאמְגֶעדְרֵייט דֶעם פְּלֶעסְטִיק טִישְׁטוּךְ. פוּנְקְט אִיז עֶס אַרוֹיסְגֶעפַאלְן פוּן פְּלֶעסְטִיק אוּן עֶרְוֶועקְט מַיין נַייגֶער. אַזוֹי אַז אִיךְ הָאבּ עֶס דֶערְיָאגְט צוּ אוֹיפְהֵייבְּן דִי לֶעצְטֶע מִינוּט, אֵיידֶער אֵיינֶער וַוארְפְט עֶס אוּמְווִיסְנְדִיג אַרַיין אִין מִיסְט קַאסְטְן. אוּן אַזוֹי אִיז נִישְׁט פַארְשַׁאפְן גֶעוָוארְן פַאר מַיין טַאטֶע הַארְץ וֵוייטָאג...

## וֶוען דִי מִיסְט זִינְגְט



**שְׁרַגָא לוֹיפֶער פוּן בֵּית שֶׁמֶשׁ דֶערְצֵיילְט:**

וֶוען אִיךְ קֶען אוּן אִיךְ הָאבּ צַייט, לוֹיף אִיךְ אַרִיבֶּער אַבִּיסְל הֶעלְפְן מַיין בַּאבֶּע. אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז אַ סְפֶּעצְיֶעלֶע מִצְוָה, וַוייל מִיט דֶעם דֶערְפְרֵיי אִיךְ אוֹיךְ מַיין בַּאבֶּע אוּן אוֹיךְ מַיין מַאמֶע, וֶועלְכֶע פְרֵיידְט זִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ גֶעהָאלְפְן אִיר מַאמֶע.

אֵיין טָאג בִּין אִיךְ אָנְגֶעקוּמֶען צוּ מַיין בַּאבֶּע אוּן זִי הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן הִילְף מִיטְן זוּכְן אִיר.... סֶעלְפָאוּן! יָא, דִי אַרְטִיקְל וָואס פַארְלִירְט זִיךְ אַזוֹי אָפְט. אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶערְן צוּגֶעשְׁטֶעלְט צוּ דִי זוּכֶענִישׁ אָבֶּער נִישְׁט גֶעטְרָאפְן. מַיין בַּאבֶּע הָאט בַּאשְׁטִימְט אַז בַּאלְד וֶועט מֶען פָארְזֶעצְן זוּכְן אוּן בִּיזְדֶערְוַוייל קֶען אִיךְ אַרָאפְּטְרָאגְן דָאס זֶעקְל מִיסְט וָואס שְׁטֶערְט אִין וֶועג.

אִיר שְׁטֶעלְט זִיךְ שׁוֹין זִיכֶער פָאר דִי פָארְזֶעצוּנְג. אָבֶּער אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט פָארְגֶעשְׁטֶעלְט וָואס וַוארְט מִיר...

אִיךְ שְׁלֶעפּ זִיךְ שְׁטַאטְלִיךְ אוּן שְׁטֵיי שׁוֹין נָאנְט נָאנְט צוּם מִיסְט קַאסְטְן. אִיךְ הוֹיבּ אוֹיף מַיין רֶעכְטֶע הַאנְט מִיט דִי זֶעקְל גְרֵייט עֶס אַרַיין צוּ וַוארְפְן אִין מִיסְט קַאסְטְן וֶוען פְּלוּצְלוּנְג נֶעמְט דָאס זֶעקְל זִינְגֶען! אִיךְ הָאבּ גְלַייךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָאס אִיז דֶער סֶעלְפָאוּן וָואס זִינְגְט. אִיךְ הָאבּ אוֹיפְגֶעמַאכְט דָאס זֶעקְל אוּן מִיט גֶעדוּלְד אוֹיפְגֶעזוּכְט דֶעם סֶעלְפָאוּן. רֵיין גֶעמַאכְט אוּן אַרוֹיפְגֶעבְּרֶענְגְט צוּ מַיין בַּאבֶּע וֶועלְכֶע אִיז גֶעוֶוען עֶכְט אִיבֶּערַאשְׁט אַז 'פוּנְקְט' דִי לֶעצְטֶע מִינוּט הָאט דֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעמַאכְט אֵיינֶעם קְלִינְגֶען אוּן דִי סֶעלְפָאוּן זָאל זִינְגֶען אוּן מֶען זָאל עֶס טְרֶעפְן.

## דִי מִשְׁנָיוֹת אִיז גֶעפוּנֶען גֶעוָוארְן



**הֶערְשִׁי אִילָאוִויטְשְׁ פוּן בְּנֵי בְּרַק דֶערְצֵיילְט:**

אֵיין וָואךְ שַׁבָּת זֶענֶען מִיר גֶעוֶוען בַּיי מַיין בַּאבֶּע. פְרַייטָאג צוּנַאכְט בַּיי דִי סְעוּדָה זֶענֶען זִיךְ צַאמְגֶעקוּמֶען אַסַאךְ פֶעטֶערְס אוּן קָאזִינְס, לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת לְעִילוּי נִשְׁמַת מַיין זֵיידְן וָואס אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן פַאר וֵוייניגֶער וִוי אַ יָאר.

אֵיין פֶעטֶער הָאט זִיךְ גֶעזֶעצְט צוּפֶעלִיג נֶעבְּן מִיר, אוּן וֶוען מֶען הָאט גֶעטֵיילְט מִשְׁנָיוֹת הָאט עֶר מִיר דֶערְצֵיילְט אַז עֶס בַּאדֶערְט אִים זֵייעֶר אַז עֶר הָאט פַארְלוֹירְן אַ מִשְׁנָיוֹת מִיט זֵייעֶר קְלָארֶע אוּן גוּטֶע פֵּרוּשִׁים, מַמָּשׁ סְפֶּעצְיֶעל!.

"וָואס אִיז עֶס אַזוֹי סְפֶּעצְיֶעל?" הָאבּ אִיךְ זִיךְ אִינְטֶערֶעסִירְט, אוּן עֶר הָאט מִיר עֶרְקְלֶערְט דִי וֶוערְדְפוּלֶע פֵּרוּשִׁים וָואס דִי מִשְׁנָיוֹת הָאט פַארְמָאגְט.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט, זִיךְ בַּאטֵיילִיגְט אִין זַיין וֵוייטָאג אוּן נִשְׁט גֶעקְלֶערְט אַז אִיךְ קֶען אִים הֶעלְפְן.

אָבֶּער דֶער בַּאשֶׁעפֶער קֶען יָא הֶעלְפְן אוּן פוּנְקְט שַׁבָּת צוּפְרִי הָאבּ אִיךְ זִיךְ אָנְגֶעטְרָאפְן מִיט אַ סָארְט מִשְׁנָיוֹת וִוי מַיין פֶעטֶער הָאט מִיר פָארְגֶעשְׁטֶעלְט. אִיךְ בִּין גֶעלָאפְן צוּ מַיין פֶעטֶער אוּן גֶעפְרֶעגְט: "אַזַא מִשְׁנָיוֹת מֵיינְסְטוּ?" "יָא!" אִיז עֶר גֶעוָוארְן אִיבֶּערַאשְׁט "פוּנְקְט דִי מִשְׁנָיוֹת אִיז מַיינֶע!"

וֶוען עֶר וָואלְט מִיר נִישְׁט צוּפֶעלִיג דֶערְצֵיילְט אַז עֶס הָאט זִיךְ אִים פַארְלוֹירְן אַ מִשְׁנָיוֹת, וָואלְט אִיךְ דָאךְ נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז דִי מִשְׁנָיוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ צוּפֶעלִיג אָנְגֶעטְרָאפְן אִיז זַיינֶע.

בַּיי דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אִיז נִישְׁטָא צוּפֶעלִיג. עֶר הָאט גֶעזֶעצְט מַיין פֶעטֶער נֶעבְּן מִיר, צוּגֶעבְּרֶענְגְט עֶר זָאל מִיר דֶערְצֵיילְן זַיין פַארְלוּסְט, כְּדֵי אַז וֶוען אִיךְ טְרֶעף דִי מִשְׁנָיוֹת זָאל אִיךְ אִים עֶס קֶענֶען אָפְּגֶעבְּן.

**טֵייעֶר קִינְד! הָאט אִיר אַ מַעֲשֶׂה פוּן הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית?**

**רוּפְט אַרַיין צוּ קַו הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית פַאר קִינְדֶער:**

**1-518-613-0140** דְרִיקְט 0/4 אוּן פַארְצֵייל דַיין מַעֲשֶׂה.

אוּן נֶעמְט אַ חֵלֶק צוּ פַארשְׁפְּרֵייטְן אֱמוּנָה אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט

**הודעות ווינקל**

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער!

גָאר אַסַאךְ שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת קֶען מֶען הֶערְן,

**אִין קַו הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית פַארְ קִינְדֶער:**

**1-518-613-0140 דְרִיקְט 0/2**

# נִישְׁט אוּמְזִיסְט

## פרק 3

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר:** ר׳ יִצְחָק דַאוִוידָאוִויטְש הָאט גֶעשִׁיקְט אִיבֶּערְקוּקְן זַיינֶע תְּפִילִין צוּלִיבּ אַ פַּאסִירוּנְג וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט אִים אַ יָאר פְרִיעֶר, וֶוען מֶען הָאט אַרֶעסְטִירְט דֶעם גוֹי וֶועלְכֶער ר׳ יִצְחָק הָאט גֶעטְרָאפְן גַנְב׳עֶנֶען. דֶער גוֹי הָאט צוּגֶעזָאגְט צוּ נְקָמָה נֶעמֶען אִין ר׳ יִצְחָק.



## דו וועסט אויספירן דעם רצון
## פון דער הייליגער צדיק
## פועל ישועות
## רבי שלמק'ה זוועהילער זי"ע

# וואס ווארט שוין
# 80 יאר!!



**דער הייליגער צדיק רבי שלמקה זוועהילער זי"ע**
**האט געבעטן פון זיין מקורב ר' אליהו ראטה ז"ל:**
זיך א נדבן צו גרינדן א כולל השגחה פרטית פון 10 אידן.
**רבי שלומק'ה האט געזאגט:**
"ווער עס טוט אין השגחה פרטית זעט השגחה פרטית"
אבער דעמאלטס איז דאס נאכנישט אויסגעפירט געווארן...

**האט דער צדיק הגה"צ רבי יעקב מאיר שכטער שליט"א געזאגט:**
"איך האב זיך געוואונדערט ווי אזוי עס קען זיין אז א רצון פון א צדיק איז נישט מקוים געווארן. אבער היינט ווען איך הער פון דעם ארגאניזאציע 'השגחה פרטית', פארשטיי איך אז קיין איין ווארט פון א צדיק גייט נישט פארלוירן."

## יעצט ליגט עס אין דיינע הענט - צו מקיים זיין די הייליגן רצון מיט נאך מער כח און שטארקייט!

**דו קענסט ווערן דער ראש כולל פון כולל השגחה פרטית,**
**און מחזק זיין צענדליגער אידן מיט די ליכט פון השגחה און אמונה שלימה.**

השגחה פרטית
א וועלט פון **אמונה**. א לעבן פון **ביטחון**

א באזונדערע שליח
וועט בגופא ארויפגיין
צו דיין ציון הקדוש
אויפן הר הזיתים אין
ירושלים **און מזכיר זיין**
**דיינע בקשות**

עפן היינט נאך א כולל אין ר' שלומקע'ס וועג!
סובסקרייבט זיך יעצט צו באקומען ביי דיר אין שטוב
10 'השגחה פרטית' גליונות יעדע וואך! רופט יעצט:
**585-308-3293**

בהמלצת רבנים קען מען צאלן מיט מעות מעשר / דאס האט נישט חשש שמות לגניזה

**איר קענט אויך זיין א שותף**
**אין די גרויסע זיכוי הרבים**
**רופט: 845-222-2114**
**תזכו למצוות.**

**אויב האט איר סיי וועלכע הערות**
לאזט איבער א הודעה: 1-518-613-0140 דריקט 9/9 אדער שיקט א אימעיל צו די מערכת
hashgachaprutis@gmail.com